בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## קוּנְטְרֵס

# אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים,
דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים תשפ"ג לְפְרָט קָטָן,
אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערְן.
אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר לֶערְנֶען דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן מַאכְן
אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה אוּן אוֹיפְהֵייבְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן
קִינְד, אוּן הוֹרָאוֹת וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ בְּעֶפָאר אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרֵייגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

### כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן
דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן חוֹדֶשׁ אֲדָר ב' שְׁנַת תשפ"ד לְפְרָט קָטָן
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - עִיר הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, שְׁנַת תשפ"ג, שִׁיעוּר י"ב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער ............ ג

אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה ............ ו

גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד ............ ט

הוֹרָאוֹת פַאר אֲסִיפַת הַהוֹרִים ............ י

יֶעדֶער קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ ............ י

וִוי אַזוֹי זָאגְט מֶען אַ פְּרָאבְּלֶעם? ............ יב

מַאכְן דֶעם קִינְד שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז וֶוערְד ............ יג

דִי גוּטֶע קִינְדֶער ווִילְן אוֹיךְ זַיין גַבְּאַי ............ טו

# אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער

## דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

וְויפִיל חִיזוּק מֶען גֶעבְּט פַאר מְחַנְכִים דַארְף מֶען גֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ חִיזוּק. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "**אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְחוּזָּקִין**"; דִי וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין, וַוייל זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק.

מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינוּךְ, אוּן אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

עֶס קֶען זִיךְ אַסַאךְ מָאל דַאכְטְן פַאר אַ מְלַמֵּד בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, וַוייל עֶר זֶעט אַז בִּשְׁעַת עֶר גֶעבְּט דֶעם שִׁיעוּר לַאכְן זִיךְ קִינְדֶער אוּנְטֶער, אוּן דֶער קִינְד גֶענֶעצְט, דֶער קִינְד קוּקְט אוֹיפְ'ן דַאךְ, דֶער קִינְד קוּקְט אוֹיף זַיין חַבֵר, דֶער קִינְד בְּלִינְקְט מִיט

דִי אוֹיגְן צוּ זַיין חָבֵר, אוּן דֶער קִינְד שִׁיקְט אַרוֹיף אַ צֶעטְל צוּ זַיין שָׁכֵן, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַ שְׁטְרֶענְג וָוארְט פַּאר אַ קִינְד שְׁמֵייכְלֶען זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוּנְטֶער; זַאכְן וָואס מִיר פְּלֶעגְן טוּן אַלְס קִינְד... בִּיז דֶער מְלַמֵּד בַּאקוּמְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן טְרַאכְט: 'עֶס אִיז סְתָּם גֶעוֶוען אַ שָׁאד מַיין צַייט אוּן אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶעקוּקְט, וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶעגְרֵייט אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל, אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַ נְקוּדָה, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט קֵיינֶעם'.

דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַפָּאר יָאר, דֶער קִינְד וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן, פְּלוּצְלוּנְג וֶועט עֶר זִיךְ אָנְהֵייבְּן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעווִיזְן קַיין אִינְטֶערֶעסֶע. וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער בַּאקוּמְט מֶען כֵּלִים, דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן זִיךְ בַּאנִיצְן מִיט דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד.

ווִי עֶלְטֶער אִיךְ וֶוער, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער בָּאךְ אַ יָאר אוּן בָּאךְ אַ יָאר, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ בָּאךְ אוּן בָּאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן חֵדֶר. אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ בִּשְׁעַת מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶערֶעדְט הָאבּ אִיךְ אַרוֹיס גֶעווִיזְן אִינְטֶערֶעסֶע, דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט, מִן הַסְתָּם הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַזוֹי ווִי אַלֶע קִינְדֶער,

אִיךְ הָאב אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט יֶעדֶעס וָואֹרְט, אָבֶער הַיינְט דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ 'אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן דֶער מְלַמֵד', 'אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע מָשָׁל פוּן יֶענֶער מְלַמֵד', הַיינְט קוּמְט מִיר אַלֶעס צוּנִיץ.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵד דַארְף ווִיסְן; מַיין אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד! דָאס וָואס אִיךְ קוּם מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אִין חֵדֶר, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אִין דִי צַייט טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ קוּם צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ גֶעב אַוֶועק אִיבְּרִיגֶע צַייט פַאר דִי קִינְדֶער זִיךְ פָארְצוּגְרֵייטְן שֵׁיינֶע זַאכְן, דָאס אַלֶעס גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, עֶס קֶען זַיין אַז יֶעצְט בְּשָׁעַת אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי נָאךְ צוּ יוּנְג מִיךְ צוּ זָאגְן: **"שְׁכּוֹחַ"**, אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען ווִי שֵׁיין דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען, אָבֶער עֶס אִיז זִיכֶער אַז דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי, אוּן אַלֶע מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט זֵיי נָאךְ צוּנִיץ קוּמֶען אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאב אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ טְרֶעף אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה יָארְן צוּרִיק, אִיךְ הָאב אִים שׁוֹין יָארְן נִישְׁט גֶעטְרָאפְּן, אִיךְ הָאב שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן אִים, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר לֶעבְּט זִיךְ זַיין לֶעבְּן, זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ גֶעדֶענְק דֶעם שִׁיעוּר פוּן 'מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין' אוּן אִיךְ טוּ עֶס בִּיז**

**הַיינְט״, ״אִיךְ גֶעדֶענְק דֶעם שִׁיעוּר פוּן ׳רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳ אוּן אִיךְ טוּ עֶס בִּיז הַיינְט״**, דָאס אִיז פַאר מִיר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, וַוייל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ ווִי בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְן דִי שִׁיעוּרִים הָאט מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי יֶענֶער בָּחוּר דַארְף נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי אִיךְ רֶעד בִּכְלַל נִישְׁט צוּ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַיינֶע בָּחוּרִ׳ישֶׁע שְׁפִּילְצֵייג, אוּן יֶעצְט קוּמְט עֶר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מְלַמֵּד ווִיסְן אַז קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן, בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט פָאר שְׁרַייבְּט מֶען אוּן מֶען קַאטְשְׁקֶעט אוֹיף צֶעטְלֶעךְ, מֶען שִׁיקְט אַרוֹיף צֶעטְלֶעךְ, מֶען קוּקְט אַהֶער אוּן מֶען קוּקְט אַהִין, אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵּד זָאגְט שׁוֹין פַאר דֶעם קִינְד: **״מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ!״** גֶעבְּט דֶער קִינְד אַ שְׁמֵייכְל, אַ בְּלִינְק מִיט דִי אוֹיגְן צוּ אַ צְוֵוייטְן; הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דַיין אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵיי.

## אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה

יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר מְחַנְּכִים אִיז חִיזוּק, בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר פְּרוּבִּיר אִיךְ אַרוֹיס צוּ

בְּרֶענְגֶען אַן אַנְדֶערֶע נְקוּדָה, הַיינְט וֶועלְן מִיר רֶעדְן פוּן דֶעם נְקוּדָה אַז עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַבִּיסְל אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט מוֹרָא אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן וֶוערְן צֶעלָאזְט; אוֹיךְ מַגִּידֵי שִׁיעוּר הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, זֵיי ווִילְן נִישְׁט דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, ווַייל זֵיי טְרַאכְטְן אַז דִי בָּחוּרִים וֶועלְן צוּקוּמֶען צוּ הוֹלְלוּת.

דַארְף מֶען אָבֶער ווִיסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ צוּקוּמֶען פוּן עֶרְנְסְט צוּ וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט - ווִי צוּ צוּקוּמֶען פוּן פְרֵיילִיךְ צוּ וֶוערְן צֶעלָאזְט. 'שִׂמְחָה' אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ ווִידֶערְאוּם 'הוֹלְלוּת' אוּן צֶעלָאזְטְקֵייט אִיז סִטְרָא אַחֲרָא; זַיין עֶרְנְסְט מִיט הַכְנָעָה אוּן אַ לֵב נִשְׁבָּר אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, ווִידֶערְאוּם עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶעפְּרֶעסְט אוּן דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, זָאגְט דֶער רֶבִּי, עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַרַיין צוּ פַאלְן דוּרְךְ אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' צוּ 'עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה', ווִי אַרַיין צוּ פַאלְן דוּרְךְ 'שִׂמְחָה' צוּ 'הוֹלְלוּת'.

עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה, אַ מְלַמֵד מוּז שְׁמֵייכְלֶען! בִּשְׁעַת מֶען גֶעבְּט דֶעם שִׁיעוּר מוּז

זַיין זֵייעֶר עֶרְנְסְט, ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת ל:) אַז דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים פַאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ וֶוערְטְל, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט, בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע יִרְאָה.

אֵיין מָאל מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר, אִין דִי צַייט פוּן רִיסֶעס וְכַדוֹמֶה, וֶוען דֶער מְלַמֵד דְרֵייט זִיךְ אִין כִּתָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, זָאל עֶר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד, אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד.

וֶוען קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי צִיטֶערְן אַז מֶען גֵייט זֵיי שְׁלָאגְן אָדֶער מֶען גֵייט זֵיי שְׁטְרָאפְן, וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶער מֹחַ וֶוערְט פַארְמַאכְט, דָאס הַארְץ וֶוערְט פַארְמַאכְט, נָאכְדֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זֵיי.

מֶען קֶען נָאכְקוּקְן אִין סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' אַלֶע בְּרִיוְון וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן (מֶען קֶען גְרִינְג כַאפְּן וֶועלְכֶע בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן צוּ מִיר, דִי בְּרִיוְון וָואס רֶעדְן זִיךְ פוּן אַ יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים), שְׁרַייבְּט מִיר מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פִילֶע מָאל: **"זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן".**

## גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד

אַ מְלַמֵד דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד פְּרִיוַואטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְשָׁאן). מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס וָוארְט 'אַטֶענְשָׁאן' אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע וָוארְט, עֶס אִיז אַ וָוארְט וָואס מֶען נִיצְט אָנְצוּשְׁרֵייעֶן אַ קִינְד, מֶען זָאגְט אִים: **"דוּ דַארְפְּסְט אַטֶענְשָׁאן..."** - דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אַטֶענְשָׁאן אִיז זֵייעֶר אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווִילְן אַטֶענְשָׁאן, אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ ווִיל שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אַטֶענְשָׁאן, יֶעדֶע גֶעזוּנְטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשׁ ווִיל מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף אִים, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן אִים, מֶען זָאל מַאכְן אַ מַצָב פוּן אִים; דָאס וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם אָן שְׁלֶעכְט, אִיז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאקוּמֶען אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג, אוּן עֶר בֶּעט עֶס נַארִישֶׁערְהֵייט.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵד צוּ הַאלְטְן קָאפּ אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען פְּרִיוַואטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. אוֹיב מֶען הָאט אַ גְרוֹיסֶע כִּתָּה אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל קֶענֶען גֶעבְּן יֶעדְן טָאג פַאר יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אַ גְרוֹיסֶע פָּארְצְיֶע אַטֶענְשָׁאן, זָאל מֶען הַאלְטְן קָאפּ אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ בַּאקוּמֶען פְּרִיוַואטֶע אַטֶענְשָׁאן.

אוֹיסֶער וָואס יֶעדֶעס קִינְד דַארְף וֶוערְן אוֹיסְגֶערִימְט, מֶען זָאל מַאכְן אַ מַצָב פוּנֶעם קִינְדְ'ס מַעֲלָה כָּאטְש אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, מוּז יֶעדֶעס קִינְד בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ 'גוּט מָארְגְן', אוּן בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן צְוֵויי לֶערֶערִינְס, דַארְף אוֹיךְ דִי בָּאכְמִיטָאג לֶערֶערִין גְרִיסְן יֶעדֶעס קִינְד 'אַ גוּטְן טָאג', אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַהֵיים 'אַ גוּטְן אָוֶוענְט'.

## הוֹרָאוֹת פַאר אֲסִיפַת הַהוֹרִים

אַזוֹי וִוי הַיינְט וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵׁם פָארְקוּמֶען אַן 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים', וואו דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְטְרֶעפְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, ווִיל אִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת וָואס מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין בַּיים 'אֲסִיפַת הוֹרִים'.

## יֶעדֶער קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ

וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן אַ שְׁמוּעֶס מִיט עֶלְטֶערְן, דַארְף מֶען אָנְהֵייבְן מִיט אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיפְ'ן קִינְד. אוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט אָדֶער שְׁטֶערְט בַּיים לֶערְנֶען, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: **"עֶר לֶערְנְט אַ מְחַיֶה"**, **"עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג"**, מֶען דַארְף זָאגְן אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס דֶער קִינְד הָאט טַאקֶע, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער אַז יֶעדֶעס קִינְד הָאט כָּאטְש אֵיין זַאךְ מִיט וָואס עֶר אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, מֶען קֶען זָאגְן אַז

דָאס קִינְד אִיז זֵייעֶר צוּזַאם גֶענוּמֶען, עֶר אִיז אֵייבִּיג אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אָדֶער: **"עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס אִיז אֵייבִּיג צוּזַאם גֶענוּמֶען".**

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט אוֹיף אַ קִינְד, יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע וֵוייסְט גָאר גוּט וָואס פַּאר אַ קִינְד זֵיי הָאבְּן, דֶער טַאטֶע לַאכְט פוּנֶעם מְלַמֵּד וֶוען עֶר זָאגְט אִים אַ פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְט. פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד, נִישְׁט פַּארְ'ן קִינְד אוּן נִישְׁט פַּאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן נִישְׁט פַּאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, עֶס מַאכְט נֶערְוֶועז, עֶס מַאכְט פַּארְאִיבְּלְט, אוֹיךְ קֶען עֶס מַאכְן אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל וֶוערְן פַארְפַיינְטֶעט אִין דִי אוֹיגְן פוּן דֶער טַאטֶע, דֶער טַאטֶע וֶוערְט בֵּייז צוּ הֶערְן וִוי דֶער מְלַמֵּד טְשֶׁעפֶּעט אִים וֶועגְן זַיין קִינְד מִיט פַאלְשֶׁע זַאכְן.

אִיךְ וֵוייס פוּן אַ קִינְד אִין מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי דַאר, זִי פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען פוּן שׁוּלֶע זָאגְן אַז אִיר לֶערֶערִין הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אַז זִי אִיז זֵייעֶר דַאר... עֶס פְלֶעגְט אִיר זֵייעֶר בַּאדֶערְן, וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיךְ? דוּ ווִילְסְט מִיךְ טְשֶׁעפֶּענֶען? וֵוייס אִיךְ דֶען נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס?! אַז דוּ ווִילְסְט אִיר גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט קֶענְסְטוּ אִיר זָאגְן: **"דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין"**, **"דַיין פָּנִים אִיז זֵייעֶר שְׁמֵייכְלְ'דִיג"**, - אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אַרַיין, אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט

אֶמֶת מַאכְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אָדֶער מַאכְט עֶס מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי לֶערֶרִין, מֶען טְרַאכְט: 'נֶעבֶּעךְ, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, זִי רֶעדְט פַאר פֵייעֶר אוּן וַואסֶער...'

## ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען אַ פְּרָאבְּלֶעם?

מְלַמְדִים פְרֶעגְן מִיר, וְוִי אַזוֹי זָאגְט מֶען פַאר עֶלְטֶערְן אַ פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַ קִינְד? קוֹדֶם דַארְף מֶען וִויסְן צִי עֶס אִיז בִּכְלַל כְּדַאי צוּ זָאגְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע מִינֵי עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז דָא גֶעזוּנְטֶע עֶלְטֶערְן וָואס אוֹיבּ מֶען זָאגְט זֵיי **"דַיין קִינְד אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג"**, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט ווערְן בַּאלֵיידִיגְט, זֵיי וֶועלְן פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס גֵייעֶן נֶעמֶען דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶס אַרוֹיפְוַוארְפְן אוֹיפְ'ן מְלַמֵד, זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הֶערְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זֵייעֶר קִינְד, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, אָדֶער אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד, אָדֶער וֶועלְן זֵיי זָאגְן אַז דֶער מְלַמֵד אוּן דֶער מְנַהֵל הָאבְּן פֵיינְט דֶעם קִינְד, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט צוּ זָאגְן.

דֶערְפַאר, אִיז כְּדַאי אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אַ קִינְד, עֶס פַארְדֶעם דוּרְךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן

מְנַהֵל צוּ זֶען אוֹיב מֶען וֶועט עֶפֶּעס פַארְדִינֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען וֶועט עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער.

אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן קִינְדֶער בָּרַבִּים, אִין מְלַמְּדִים שְׁטוּב אִין פָּארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ אַז יֶעדֶער זָאל מִיט הַאלְטְן יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען; דוּ וָואלְסְט דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אָפְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶען קֶען זִיךְ נָאר דוּרְכְרֶעדְן בַּיי אִינְגְלֶעךְ מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן בַּיי מֵיידְלֶעךְ מִיט דִי מְנַהֶלֶת.

אוֹיב מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט צוּטוּן מִיט עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְן פַארְשְׁטָאפְּטֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי זָאגְן נָאר אַז **"מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער"**, אוּן **"עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט מַיין קִינְד"**, אִיז אַ שָׁאד צוּ זָאגְן, וֶועט מֶען דַארְפְן אַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן קִינְד אַלֵיינְס, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן דָאס בֶּעסְטֶע מִיטְ'ן קִינְד.

## מַאכְן דֶעם קִינְד שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז וֶוערְד

אָבֶער דָאס אִיז זִיכֶער אַז גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער קִינְד טוּט, זָאל מֶען זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס אֲפִילוּ

עֶר הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים, בַּיים דַאוֶׁוענֶען קְלָאצְט עֶר אוּן גֶענֶעצְט אַ גַאנְצֶן צַייט, עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט צוּרִיק דִי צֶעטְלֶעךְ אוּן זַאכְן פְּלִיעֶן אַרוּם, קֶען אָבֶער זַיין אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, דַארְף מֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, זָאגְן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן: **"עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מִידוֹת, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס בְּטָעוּת אַז אֵיינֶער זָאל קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט".**

דָאס אִיז סַיי אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ זָאגְן פַּאר עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיךְ פַּאר'ן קִינְד אַלֵיינְס. אוֹיב מֶען מַאכְט אַ מַצָב אִין כִּתָּה אוּן מֶען בּוֹיט אוֹיף אַ מַעֲלָה פוּן אַ קִינְד, בַּאקוּמְט דֶער קִינְד אַ גֶעפִיל אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס חָשׁוּב, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, עֶר טוֹיגְט אוֹיף עֶפֶּעס, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז עֶר זָאל וֶועלְן טוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְן, אִין דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן פְלֶעגְן זֵיי זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, אַז זֵיי זָאלְן זַיין מַיינֶע הֶעלְפֶערְס, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט מַיין גַבְּאַי, מַאךְ מִיר אַ קַאוֶוע, בְּרֶענְג אַרוֹיף מַיין הוּט פוּן אוּנְטְן, גֵיי צוּ דִי אָפִּיס, מַאךְ קָאפִּיס פוּן דֶעם צֶעטְל", - דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְט אִיךְ אַלֵיינְס גֶעקֶענְט טוּן, אוּן דָאס אִיז בֶּאֱמֶת מַיין

נאַטוּר אָנְצוּגְרֵייטְן אַלֶעס פוּן פָּארְאוֹיס, אַלֶעס זָאל זַיין מְסוּדָר וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין כִּתָּה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פְלֶעג אִיךְ סְפֶּעצִיעל אִיבֶּער לָאזְן גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן, כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען שִׁיקְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין מַיינֶע גַבָּאִים.

אִיךְ פְלֶעג אַמָאל אַפִילוּ אִיבֶּער לָאזְן עֶפֶּעס אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ לָאז עֶס סְפֶּעצִיעל אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ אִינְגְל וָואס אִיךְ מוּז אִים שִׁיקְן עֶר זָאל עֶס בְּרֶענְגֶען, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש, אִין כִּתָּה טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אִיךְ מוּז אִים מַאכְן גֵיין אוּן קוּמֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ חַיוּת אוּן אַ מוּט.

## דִי גוּטֶע קִינְדֶער ווִילְן אוֹיךְ זַיין גַבָּאֵי

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ דִי קְלוּגֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ כַאפְּן אַז דִי קִינְדֶער וָואס דַאוְוענֶען נִישְׁט אוּן לֶערְנֶען נִישְׁט וֶוערְן דִי מְיֻחָסִים, מֶען אִיז זֵיי מְכַבֵּד צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, אֶפְשָׁר וֶועלְן דִי גוּטֶע קִינְדֶער צוּלִיבּ דֶעם אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען וֶוערְן גַבָּאִים.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וַוייל אַ קִינְד ווִילְן שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז

עֶפֶּעס וֶוערְד, דֶערְפַאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אוֹיסְרוּמֶען דֶעם קִינְד וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג אָדֶער דַאוֶוענְט שֵׁיין, דוּ וֶועסְט מַאכְן אַן עֵסֶק ווִי פְלַייסִיג עֶר לֶערְנְט אוּן ווִי שֵׁיין עֶר דַאוֶוענְט, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן מִיט דֶעם, עֶר וֶועט נִישְׁט זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען אַנְדֶערֶע אַטֶענְשָׁאן.

גַּבָּאוּת אִיז גֶעמַאכְט פַאר קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אָדֶער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי, אָדֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵיישׁ צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אִיז דָאס דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט אִים שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד.

אָבֶּער אוֹיבּ מֶען מַאכְט נָאר אַן עֵסֶק פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גַּבָּאִים, וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אִיז טַאקֶע אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן פְּרוּבִּירְן נָאכְמַאכְן יֶענֶע קִינְדֶער.

יֶעדֶעס קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען זַיין צַייט וָואס מֶען מַאכְט אַ מַצָּב פוּן אִים, וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אִים, וָואס מֶען מַאכְט פוּן אִים אַ שֵׁיינֶע זַאךְ; עֶס אִיז דָא גֶענוּג זַאכְן וָואס צוּ טְרֶעפְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד מִיט וָואס עֶר אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאגְט: **"קוּק אָן דֶעם קִינְד, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם"**, **"קוּק אָן דֶעם קִינְד עֶר מַאכְט אַלְץ שֵׁיין בְּרָכוֹת"**, **"קוּק אָן דֶעם קִינְד עֶר אִיז אַזוֹי זוֹיבֶּער"** אוּן מֶען פְרֶעגְט אִים: **"אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ זַיין דֶער גַבְּאַי פוּן כִּתָּה אַז אַלֶעס זָאל זַיין זוֹיבֶּער"**.

גֵייטְס דוּרְךְ יֶעדֶעס קִינְד אוּן טְרַאכְטְס וֶועלְכֶע שֵׁיינֶע זַאךְ מֶען קֶען זָאגְן אוֹיף אִים, אוּן אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן, שְׁמוּעֶסְט עֶס דוּרְךְ מִיטְ'ן מְנַהֵל צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז בִּכְלַל כְּדַאי צוּ זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס זָאגְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל לוֹינְט זִיךְ בֶּעסֶער גָארְנִישְׁט צוּ זָאגְן.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# הספר הקדוש הזה
# נדפס

לזכות

## הרוצה בעילום שמו

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחי, ויזכו לדוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.